**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/30/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט באגנאדיגונג פאר דרייצן מענטשן**

***זעצט פאר מיט'ן אויספירן צוזאג צו שענקען באגנאדיגונג אויף אן אנגייענדן פארנעם***

***בויעט ארויף אויף גאווערנאר'ס באמיאונגען צו רעפארמירן די באגנאדיגונג פראצעדור, אריינרעכענענדיג דאס צוזאמברענגען א ראטגעבנדע פאנעל פון אומפארטייאישע עקספערטן, צולייגן נאך איינגעשטעלטע און פארמערן קאמוניקאציע מיט אפליקאנטן***

***זייט אריינקומען אין אפיס, האט גאווערנער האקול ארויסגעגעבן א סך הכל פון 120 באגנאדיגונגען***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געשאנקען באגנאדיגונג אין פארעם פון א פארדען פאר 11 מענטשן און א קאמיוטעישען פאר צוויי מענטשן. די שריט אנערקענט מענטשן וואס האבן ארויסגעוויזן חרטה, זענען א מוסטער פון ערהוילונג און האבן ארויסגעוויזן א פארפליכטונג זיך אליינס צו פארבעסערן און צו פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס. נאכ'ן איינפירן פראצעדור רעפארמען צו פארשטערקערן די באגנאדיגונג פראצעדור, האט גאווערנאר Hochul (האקול) באגנאדיגט א סך הכל פון 120 מענטשן דורכאויס איר צייט אין אפיס.

"נאך וואס עס איז געווארן פארזיכטיגערהייט דורכגעטראכט דורך א פאנעל פון זעלבסטשטענדיגע עקספערטן, טוה איך באגנאדיגן 13 מענטשן וואס האבן ארויסגעוויזן חרטה, ערהוילונג און פארבעסערונג פאר זיך און פאר זייערע קאמיוניטיס," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "זייט'ן אריינקומען אין אפיס, האט מיין אדמיניסטראציע געמאכט באדייטנדע טוישונגען אין ניו יארק'ס באגנאדיגונג פראגראם צו מאכן די פראצעדור מער ווירקזאם, יושר'דיג און דורכזיכטיג, און איך האלט זיך ווייטער פארפליכטעט צו ארבעטן מיט געזעץ ענפארסירונג, גרופעס פאר רעכטן פאר געליטענע, פראסעקיוטער און רעפארם שתדלנים צו פארזיכערן א יושר'דיגע און פאראנטווארטליכע באגנאדיגונג פראצעדור פאר אלע מענטשן וואס זוכן הילף אין ניו יארק."

די גאווערנאר'ס אפיס האט גענומען א רייע שריט צו פארבעסערן די דורכזיכטיגקייט און קאמיוניקאציע דורכאויס דעם באגנאדיגונג פראצעדור. די עקזעקיוטיוו באגנאדיגונג ביורא ( Executive Clemency Bureau) האט איינגעפירט א נייע פאליסי פון שיקן רעגלמעסיגע בריוון צו מענטשן מיט באגנאדיגונג אפליקאציעס, זיי צו אינפארמירן איבער די סטאטוס פון זייער קעיס, און צושטעלן אינפארמאציע איבער ווי אזוי צו אריינגעבן נאך אינפארמאציע אין שטיצע פון זייערע אפליקאציעס. די גאווערנאר'ס אפיס איז אויך ארויסגעקומען מיט א פארבעסערטע אנליין וועבזייטל צו ארויסהעלפן באגנאדיגונג אפליקאנטן מיט דעם אפליקאציע פראצעדור; די וועבזייטל פארמאגט גרייטע נוסחאות פאר באגנאדיגונג אפליקאציע בויגנס צו צושטעלן פאר פאטענציאלע אפליקאנטן בעסערע אנווייזונגען איבער וועלכע אינפארמאציע אריינצולייגן ביים זיך איינגעבן.

די גאווערנער האט אויך צוזאמגערופן א באגנאדיגונג עדווייזארי פאנעל (Clemency Advisory Panel) וואס באשטייט פון אומפארטייאישע עקספערטן צו ארויסהעלפן מיט'ן געבן ראט פאר די גאווערנאר איבער באגנאדיגונג אפליקאציעס. נאכפאלגנדיג רעקאמענדאציעס פון די באגנאדיגונג עדווייזארי פאנעל, טוט גאווערנאר Hochul (האקול) שענקען קלעמענסי פאר 13 מענטשן.

**פארדענס**
מענטשן וועלכע טוען היינט באקומען א פארדען האבן אלע געלעבט לעבנס וואס זענען פריי פון פארברעכנס פאר א באדייטנדע צאל יארן — אין רוב פעלער פאר איבער 25 יאר — און האבן געצייגט פאזיטיוועביישטייערונגען פאר זייערע קאמיוניטיס. עטליכע פון די היינטיגע פארדען געניסער זענען פאר'משפט געווארן פאר א פארברעכן בשעת'ן וואוינען אין ניו יארק סטעיט, אבער האבן זיך זייט דענמאלס שוין אריבערגעצויגן צו אנדערע סטעיטס. אלע פארדען געניסער טוען נאכאלס ליידן פון די נעגאטיווע השפעה פון זייערע קרימינאלע אורטייל(ן) טראצט דעם וואס זיי האבן שוין פולקאם געדינט זייערע יארן אין תפוסה מיט פולע יארן צוריק. די גאווערנער'ס פארדאנס וועט העלפן פארגרינגערן די שוועריגקייטן.

**Peter Asan (פיטער עסען)**, 60, איז פאראורטיילט געווארן פאר א רויבעריי פרואוו ( Attempted Robbery) אין די ערשטע דעגרי אין 1989.

**Rolando Perdomo (ראלענדאו פערדאמאו)**, 67, איז פאראורטיילט געווארן פאר אסאלט (Assault) אין 1988 און פאר קרימינאלע באזיץ פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ ( Criminal Possession of a Controlled Substance) אין די צווייטע דעגרי און קרימינאלע באזיץ פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ אין די זיבעטע דעגרי אין 1985.

**Vivian Jackson (וויווען דשעקסען)**, 67, איז פאראורטיילט געווארן אין 1992 און אין 1999 פאר'ן פראבירן צו קרימינאלערהייט פארקויפן א קאנטראלירטע סובסטאנץ ( Attempted Criminal Sale of a Controlled Substance) אין די דריטע דעגרי (x4), קרימינאלע באזיץ פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ אין די זיבעטע דעגרי (x5), קרימינאלע מיסטשיף (Criminal Mischief) אין די דריטע דעגרי, און קרימינאלע טרעספעס (Criminal Trespass) אין די דריטע דעגרי.

**Dolly Castrillon (דאלי קעסטריליען)**, 45, איז פאראורטיילט געווארן פאר'ן פראבירן צו קרימינאלערהייט פארקויפן א קאנטראלירטע סובסטאנץ אין די דריטע דעגרי אין 1996.

**Jawid Naim (דשעוויד נעיאים)**, 48, איז פאראורטיילט געווארן פאר רויבעריי (Robbery) אין די צווייטע דעגרי אין 1995.

**Michael Elias (מייקעל עלייעס)**, 54, איז פאראורטיילט געווארן פאר קרימינאלע באזיץ פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ אין די פערדע דעגרי און פאר'ן קרימינאלערהייט באזיצן געווער אין די דריטע דעגרי אין 1988.

**Sixto Carrasquillo Jr. (סיקסטאו קערעסקווילאו, דשוניאר)**, 56, איז פאראורטיילט געווארן פאר'ן קרימינאלערהייט באזיצן געוועהר אין די דריטע דעגרי אין 1988.

**Edwin Buxo (עדווין בואקסאו)**, 57, איז פאראורטיילט געווארן פאר די געפרואווטע קרימינאלע באזיץ פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ אין די דריטע דעגרי אין 1997.

**Denise De Simone Fierro (דעניס די סימאון פיעראו)**, 60, איז פאראורטיילט געווארן אויף צוויי קלאגעס פון קרימינאלע פארקויפונג פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ אין די פיפטע דעגרי אין 1987.

**Dr. Eduardo Rocha (דאקטאר עדווארדאו ראטשא)**, 57, איז פאראורטיילט געווארן פאר די קרימינאלע באזיץ פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ אין די צווייטע דעגרי אין 1986.

**Ruben Lindo (רובען לינדאו)**, 40, איז פאראורטיילט געווארן פאר גרענד לארסעני (Grand Larceny) אין די פערדע דעגרי אין 2012 און 2007.

**קאמיוטעישענס**

**Terrance Cole (טערענס קאול)**, 59, איז פאראורטיילט געווארן אויף פיר קלאגעס פון רויבעריי (Burglary) אין די צווייטע דעגרי אין 2014. Mr. Cole (מיטסער קאול) איז אן אמעריקאנער לופט קרעפטן וועטעראן וואס האט געדינט פיר יאר אין מיליטער. א פאר יאר נאך וואס ער האט פארלאזט די מיליטער מיט כבוד, האט Mr. Cole (מיטסער קאול) אנגעהויבן ליידן פון א הערויאין אדיקציע. זיינע פארלעצונגען קומען פון דעם וואס עס איז פאר אים געווען אוממעגליך צו איבערקומען זיין סובסטאנץ באנוץ דיסארדער. ער איז פאראורטיילט געווארן צו 20 יאר אין תפוסה אלס א כסדר'דיגע פארלעצער. ער האט שוין יעצט סערווירט איבער 11.5 יאר אין תפוסה. בשעת'ן זיין אין תפוסה, האט ער שטודירט און באקומען אן עסאוסיעטס דעגרי. אונטער זיין אריגינעלע אורטייל, וואלט Mr. Cole (מיטסער קאול) נישט געזעהן די פאראול באורד (Board of Parole) ביז 2034, ווען ער וואלט שוין געווען באלד 70 יאר אלט. זיין אורטייל ווערט געשניטן אים צו געבן א פריערער געלעגנהייט זיך צו שטעלן פאר די פאראול באורד כדי די באורד זאל קענען מאכן א באשלוס צו ער איז פאסיג ארויסגעלאזט צו ווערן פרי.

**Raphael Jackson (ראפאעל דשעקסען)**, 53, איז פאראורטיילט געווארן אויף צוויי קלאגעס פון קרימינאלע באזיץ פון געווער אין די צווייטע דעגרי. ער איז פאראורטיילט געווארן צו 16 יאר אין תפוסה אלס א כסדר'דיגע פארלעצער. אין א יונגען עלטער, האט Mr. Jackson (מיטסער דשעקסען) געליטן פון דאמעסטישע געוואלדטאטן און געווען אויסגעשטעלט צו דראג באנוץ. ער איז געווארן אדיקטעד צו קרעק קאוקעין אלס א 16 יעריגע, און דאס האט אים געפירט צו דורכפירן עטליכע פארברעכנס. ער האט שוין יעצט סערווירט איבער 10 יאר אין תפוסה אן קיין שום אויפפירונג פראבלעמען. בשעת'ן זיין אין תפוסה, האט ער אנגעהויבן נעמען זיין קריסטליכע גלויבן ערנסט, העלפנדיג אנדערע מענטשן אין תפוסה אלס א טשעפלעינ'ס קלערק. ער האט זיך אויך שטארק אריינגעלייגט אין געזעץ און האט געארבעט אלס א פאראליגעל'ס געהילף און דאן אלס א געזעץ ביבליאטעק קלערק, צושטעלנדיג לעגאלע הילף פאר אנדערע מענטשן אין תפוסה דורכאויס רוב פון זיין תפוסה טערמין. אונטער זיין אריגינעלע אורטייל, וואלט Mr. Jackson (מיטסער דשעקסען) נישט געזעהן די פאראול באורד ביז 2031, ווען ער וואלט שוין געווען באלד 60 יאר אלט. זיין אורטייל ווערט געשניטן אים צו געבן א פריערער געלעגנהייט זיך צו שטעלן פאר די פאראול באורד כדי די באורד זאל קענען מאכן א באשלוס צו ער איז פאסיג ארויסגעלאזט צו ווערן פרי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן